אין אידיש
גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע״פ משנת הבעש״ט הק׳ ותלמידיו
פרשת נח תשפ״ה / גליון ק״ט

0722 531 385

מערכת ״קול דודי״
א וועלט פון ליכטיגע חסיד׳ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
סעודתא דדוד מלכא משיחא
א חסיד׳ישע מלוה מלכה
מיט הרה״ח ר׳ נפתלי גראס שליט״א
מוצ״ש, אויפן היכל המרכזי נומער 9

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל״ט
ספה״ק **מאור עינים** (תולדות)

| יום | מד״ה |
|---|---|
| ראשון | ומטעם זה תבין גם |
| שני | ויתחיל לברר מיד |
| שלישי | וזה שאמר הכתוב הלא |
| רביעי | וזהו שאמר הכתוב אמלאה |
| חמישי | ולכך ציוה השם יתברך<br>עד ד״ה וזהו שני גויים |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש׳ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסיד׳יש גערעדט

א חסידי׳שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# נישטא קיין ספק

### איך האב נישט וואס צו זיין צוזודערט צי ׳איך׳ האב געמאכט די גוטע החלטה, ווייל עס איז כמעט נישט תלוי אין ׳מיר׳! איך דארף שוקל זיין וואס איך האב צו טון, און פון דא און ווייטער זאל דער אויבערשטער טון וואס ער וויל! איך פיר נישט די וועלט!

מאיר קלמן האט באשלאסן אז זיין חלק התורה איז ׳שולחן ערוך יורה דעה׳ און ער האט אפגעמאכט אז ער מוז זיך נעמען דערצו. אומר ועושה, ער האט זיך גענומען א חברותא און אפגעשמועסט צו לערנען יעדן פארטאגס פון פינף א זייגער ביזן דאווענען, אין בית המדרש ׳תרעין פתיחין׳.

דאס איז נישט געשען פון איין מינוט אויפן צווייטן, נאר ער האט דאס דורכגעטראכט פאר א לענגערע צייט, ער האט באטראכט דעם לימוד יורה דעה פון אלע קוק ווינקלען, אויך האט ער זיך נאכגעפרעגט אויף זיין חברותא און אויפן מקום תורה, ביז ער האט זיך איבערצייגט אויף הונדערט פראצענט אז יא! עס איז ריכטיג און פאסיג, געאייגנט און פראקטיש, אז ער זאל דורכלערנען יורה דעה מיט דער חברותא אין דער צייט פון טאג און אין דעם באשטימטן פלאץ, און דורכדעם וועט ער קונה זיין יורה דעה מיט א ריכטיגן קנין.

נו, איז דאך לכאורה אלעס געוואלדיג? אבער ניין! ווי להכעיס, אין דער רגע וואס ער האט געענדיגט מיט אלע פלענער און הכנות און געווען גרייט מארגן אנצוהייבן לערנען דעם נייעם לימוד - זענען די (אומ)ערווארטעטע געסט אנגעקומען... די ספיקות האבן אנגעהויבן טון זייער׳ס, זיי נודזשען און גריבלען אין הארץ: ״ווער זאגט אז איך באלאנג צו זיין א ׳יורה דעה אינגערמאן׳? אפשר וועל איך דאס נישט קענען באוויזן? אפשר וויל דער אויבערשטער עפעס אנדערש פון מיר? איז טאקע פארטאגס א געאייגנטע צייט דערצו? איז טאקע דער חברותא אזוי צוגעפאסט פאר מיר? אפשר זאל איך זיך זוכן א בעסערן בית המדרש אוואו צו לערנען?״. מאיר קלמן שפירט אז ער ווערט שוין דערשטיקט פון די פול קווענקלענישן.

״חיים זלמן״, עפנט ער אויף זיין ווייטאג פאר זיין נאנטער חבר וועלכער הערט אים אויס מיט הארץ, ״דו קענסט מיר זאגן וואס גייט פאר מיט מיר? וואס האלטסטו, וויפיל שעות טעראפי דארף דויערן ארויסצוהאקן פונעם נפש אזא סארט קראנקהייט... א גאנצן צייט בין איך מסופק: ״אפשר יא און אפשר נישט, אפשר אהין און אפשר אהער?״, איך האב שוין נישט קיין כח צו זיין אזוי צו׳חוש׳ט״.

## ספיקות זענען פונקט ווי שלעכטע מחשבות

חיים זלמן גייט צו צום ספרים שאנק און נעמט ארויס דעם ספר ׳בעל שם טוב׳, ער מישט אויף צו פרשת נח.

**״וַיָּמָת הָרָן עַל פְּנֵי תֶּרַח אָבִיו וְגוֹ׳, וְאִיתָא בְּמִדְרַשׁ רַבָּה שֶׁאָמַר הָרָן בְּלִבּוֹ אִם אַבְרָהָם נוֹצֵחַ אֲנִי מִשֶּׁלּוֹ וְאִם נִמְרוֹד נוֹצֵחַ אֲנִי מִשֶּׁלּוֹ, וְהוּבָא בְּרַשִׁ״י. שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, כְּשֶׁאָדָם בָּא לִידֵי סְפֵקוֹת - בְּוַדַּאי אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶצְלוֹ. וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ הַגְּמָרָא ׳מִי אִיכָּא סְפֵיקָא קַמֵּי שְׁמַיָּא׳ - כִּי הַוַּדַּאי שְׁמוֹ כֵּן תְּהִלָּתוֹ, וְאָדָם שֶׁהוּא נוֹפֵל לִסְפֵקוֹת אָז בְּוַדַּאי אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶצְלוֹ, עַד כָּאן דְּבָרָיו (פרי חיים)״.**

דער אויבערשטער איז די זאך וועלכע איז דאס מערסטע זיכער און קלאר - פון סיי וואס. ביי אים איז נישטא קיין שום ספיקות. ווען א מענטש איז מסופק און צומישט אין סיי וועלכע נושא - אפילו אין רוחניות, אפשר דארף מען טון אזוי און אפשר פארקערט - איז דאס א ׳הסתר׳ אויפן מציאות ה׳! דער אור ה׳ וועלכע שיינט דא יעצט - פארלאנגט קלארקייט און זיכערקייט, און אויב זינקט מען איין אין אומקלארקייט - זינקט מען חס ושלום איין אינעם ׳הסתר׳ און אין דער ׳קליפה׳.

חיים זלמן זעצט פאָר פאָרצולייענען פון אינעווייניג; ווי ער ברענגט אראפ א שטיקל ׳תולדות׳:

**״שָׁמַעְתִּי מִמּוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, כִּי כָּל הַסְּפֵקוֹת הוּא קְלִפָּה, וְעַל יְדֵי הַתֵּרוּץ הוּא מְשַׁבֵּר הַקְּלִפּוֹת, כַּמְבֹאָר בְּכִתְבֵי הָאֲרִ״י זִכְרוֹנוֹ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, עִנְיַן לִמּוּד הֲלָכָה וְקֻשְׁיוֹתֵי הֲלָכָה יְעֻיַּן שָׁם״.**

מאיר קלמן בלייבט זיצן געפלעפט. ער האט נישט געגלייבט אז ער האט דא צוטון מיט אזא יסודות׳דיגע זאך. געמיינט האט ער, אז דא רעדט זיך בלויז פון א נפש׳דיגע קרענק וועלכע פאדערט א גוטן טעראפיסט... יעצט ווערט ער געוואויר, אז דאס איז א רוחניות׳דיגער נושא, א מחלמה וועלכע פירט זיך צווישן די קדושה און די קליפה, און עס פאדערט גאר אן ׳אור החסידות׳ וועלכע זאל אים אויפשיינען דעם אור ה׳ מיט אזא זיכערקייט, ביז ווען אלע ספיקות וועלן פארשוואונדן ווערן.

״יא טייערער חבר״, האט חיים זלמן מער אויסגעשמועסט, ״איינס פון די גרויסע גילוים וואס דער הייליגער בעל שם טוב הקדוש האט אויפגעטון איז, אז יעדע זאך וואס טוט זיך אפ אויף דער וועלט - אפגעזען וואספארא שלייער עס טראגט פונדרויסן - איז א חלק פונעם אלגעמיינעם פלאן פון דעם אויבערשטנ׳ס ׳גילוי׳ אויף דער וועלט. אפילו אזא פראבלעם וועלכע קוקט אויס ווי בלויז א נפשיות׳דיגער שוואכקייט פון ׳נישט קענען באשליסן קיין החלטות׳ - איז אויך געשטעלט מגלה צו זיין דעם אויבערשטן אויף דער וועלט!

**א גאנצן צייט בין איך מסופק: ״אפשר יא און אפשר נישט, אפשר אהין און אפשר אהער?״, איך האב שוין נישט קיין כח צו זיין אזוי צו׳חוש׳ט״**

און דער בעל שם טוב קומט און זאגט, אז אין אזא פאל דארף מען פשוט רוקן אין דער זייט אלע ספיקות, און אויסרופן: ״יא! איך בין זיכער מיט מיין החלטה! איך בין קלאר מיט מיר! איך בין נישט קיין צומישטער מענטש!״. און מיט דעם רוקט מען אין דער זייט אלע קליפות און הסתרות, און עס ווערט נתגלה דער אור ה׳ מיט א שטארקייט און קלארקייט.

״אין אנדערע ווערטער״, שלייפט עס חיים זלמן נאכמער אויס, ״דו דארפסט אנהייבן צו שפירן דעם זעלבן איבל וואס דו האסט צו ׳הרהורי עבירה׳ - אויך כלפי אלע סארטן ספיקות און קווענקלענישן! דער בעל שם טוב זאגט, אז ׳ספיקות׳ דערווייטערן דיר פונעם אויבערשטן, זיי זענען קליפות. נו אויב אזוי, דארפסטו פשוט ארויסטרייבן פון קאפ יעדע מחשבה פון ׳ספק׳ - פונקט ווי דו פארטרייבסט יעדע שלעכטע מחשבה וועלכע קומט אריין אין קאפ רח״ל.

און פונקט ווי דו פארשטייסט, אז שלעכטע מחשבות זענען נישט קיין גייסטישע קרענק, נאר דער אויבערשטער שיקט עס דיר בכונה, וויבאלד ער וויל אז דו זאלסט זיי פארטרייבן פון קאפ, דו זאלסט באזיגן דעם ׳רע׳ און נאנט ווערן צו אים, און פון דעם האט ער א נחת רוח - אט אזוי זאלסטו אנהייבן זיך צו באציען צו אלערליי

המשך אין עמוד ב

הפצת הגליון בק״ק וויען נתנדב ע״י

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה״ח ר׳ חיים צייטלין שליט״א
לרגל הולדת בנו בכורו למזל טוב
בזכות מרן הבעש״ט הק׳ זי״ע ירווה ממנו רוב נחת דקדושה

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה״ח ר׳ דוד אליהו שפיצער שליט״א
לרגל הולדת בנו בכורו למזל טוב
בזכות מרן הבעש״ט הק׳ זי״ע ירווה ממנו רוב נחת דקדושה

# זיצן מיט אידן

## וואס איז די גרויסע חשיבות פון צו זיצן אינאיינעם מיט אידן שבת ביינאכט? • וואס דארף מען טון כדי ארויסצוגיין פון א 'שבת אחים' אויף א דערהויבענערע דרגה ווי מ'איז אריינגעקומען?

**משפיע:** א געזונטן ווינטער, אברהם יצחק. א לעכטיגער יאר.

**אברהם יצחק:** א גוט יאר, זאל זיין מיטן רעכטן פוס.

**משפיע:** נו, וואס זאגסטו? זאלן מיר שמועסן אזוי צווישן תשרי מיט חשון עפעס צו באלייכטן דעם יאר?

**אברהם יצחק:** כ'מיין אז די בעסטע וואלט געווען ממשיך זיין מיט 'שבת'.

**משפיע:** כ'מיין אויך אזוי. איז לאמיר אריינגיין אין נאך א וויכטיגע פרט פון שבת.

**אברהם יצחק:** מיר האבן שוין גערעדט אויף קבלת שבת. אויך סעודות שבת, און אפאר מאל וועגן קידוש. וואס קומט יעצט?

**משפיע:** 'שבת אחים', די 'באטע' פון פרייטאג צונאכטס! א פיינע נושא?

> דאס איז די סיבה פארוואס יעדער שפירט בחוש די קדושה פון שבת ביינאכט. די קדושה פון שבת ביינאכט איז 'שוה לכל נפש', ווייל ס'איז די ערשטע דרגה פון קדושה וואס איז די נענסטע צום מצב פון די ימי החול

**אברהם יצחק:** קען זיין. אבער וואס איז דא צו רעדן דערוועגן? כ'גיי סיום צום 'שבת אחים' - ווען דער רבי שליט"א איז נישט דאהי?

**משפיע:** גערעכט, אבער לאמיר צולייגן אביסל מחשבה דערצו. ווען מיר לייגן צו אביסל 'דעת' צו א פעולה וואס מיר טוען סייווי, נעמען מיר ארויס אסאך א גרעסערע תועלת דערפון.

**אברהם יצחק:** אדרבה.

**משפיע:** לאמיר אנהייבן מיט אזא פראגע: פארוואס דארף מען זיך צוזאמנעמען שבת ביינאכט?

**אברהם יצחק:** א שאלה? יעדער חסיד'ישער איד ווייסט אז פרייטאג צונאכטס דארף מען זיצן מיט אנדערע אידן און זינגען שירות ותשבחות. ס'איז באוואוסט אז אפילו אין מצרים, האט משה רבינו גע'פועל'ט ביי פרעה צו לאזן די אידן רוען אום שבת כדי זיי זאלן זיך צוזאמנעמען פרייטאג צונאכטס. ס'איז איינס פון די גרויסע ענינים פון שבת.

**משפיע:** זייער שיין. אייגנטליך, די מימרא פון צדיקים לגבי וואס משה רבינו האט גע'פועל'ט אין מצרים איז אונז א לימוד, אז דאס זיך צוזאמנעמען געבט א מורא'דיגע חיזוק זיך צו האלטן אין גלות. און פונקט ווי אין גלות מצרים, אזוי אויך אין אונזער היינטיגע גלות. צוליב דעם שטייט אין ספרים הק', אז פרעה האט גוזר געווען 'לא תאספון', וויבאלד ער האט געשפירט אז דאס געבט זיי כח זיך צו מחזק זיין אין גלות. ס'איז נישט קיין שאלה אז ס'איז א גרויסע זאך. אבער לאמיר פארשטיין: וואס מיינט אז ס'איז א 'גרויסע זאך'? מיינט דאס אז ס'פועל'ט גרויסע זאכן אין הימל, אדער אז ס'פועל'ט גרויסע זאכן אויף **אונז?**

**אברהם יצחק:** עמ...ביידע. מסתמא אז עס פועל'ט גרויסע זאכן אין הימל ווירקט עס אויך אויף אונז.

**משפיע:** זייער שיין. אבער פארשטייט זיך אז מ'דארף וויסן, אז כדי ס'זאל פועל'ן אויף אונז, דארף מען צולייגן קאפ און צוגיין דערצו מיט א רצון צו צילעווען צום מטרה.

**אברהם יצחק:** פארוואס דארף מען צולייגן קאפ? אויב ס'פועל'ט - פועל'ט עס! ס'איז א פאקט אז ווען מ'נעמט זיך צוזאם אונטן, איז עס משפיע למעלה און אזוי ארום למטה. ניין?

**משפיע:** ווען איך רעד לגבי אז ס'איז משפיע אויף אונז, מיין איך נישט נאר די 'סגולה'דיגע' השפעה און הארה וואס ווערט נשפע אויף אונז פון הימל. ווייל אויף דעם איז טאקע נישט אזוי וויכטיג צו צולייגן קאפ, דאס עצם זיצן אינאיינעם מיט איחוד הלבבות איז גענוג צו מעורר זיין שפע מלמעלה. נאר כ'מיין דאס אז ס'איז משפיע אויף אונזער נפש, ס'דערהייבט און טוט אונז מקרב זיין צום אויבערשטן, ס'פירט אונז אריין אין א העכערע דרגה פון ביז יעצט. און כדי דאס צו טון - דארף מען צולייגן קאפ צו וואס מ'טוט. ווען מ'לייגט נישט צו קאפ, קען מען זיך טרעפן נאכן 'שבת אחים' פונקט אזויווי מ'איז געווען ביים אריינקומען.

**אברהם יצחק:** פיין, איז לאמיר הערן. וויאזוי דערהייבט מען זיך דורך א שבת אחים?

## אויסברייטערן די געפילן פון קדושת השבת

**משפיע:** איז אזוי, די אינערליכע געפילן וואס יעדער איד האט אין קדושת השבת, **דריקן זיך בעיקר אויס אין שירות ותשבחות פארן אויבערשטן**, איבערהויפט ווען מ'זיצט מיט ליבשאפט מיט נאך אידן. דאס הייסט אזוי: יעדער איד האט געפילן און אן אינערליכע קשר מיט קדושת שבת, יעדער ווייסט אין געדאנק אז שבת איז א מורא'דיגע טאג ווען מ'דערנענטערט זיך צו אונזער שורש, און ס'איז א טאג ווען מיר באגעגענען זיך מיט די 'פינטעלע איד' וואס ליגט אין אונז.

אבער מיר ווייסן דאס בלויז אין מחשבה, מ'שפירט עס אפילו אין טיפן הארץ, אבער אט די געפיל וויל זיך אויסשפרייטן! זי וויל ארויסגיין און אפעקטירן אונזער גאנצע מציאות, אז אונזער גאנצע וועזן זאל שרייען קדושת השבת! און דאס געשעט דווקא ווען מ'זינגט זמירות פארן אויבערשטן, איבערהויפט ווען אידן זיצן אינאיינעם, ווייל דעמאלטס ברייטערט זיך אויס די הייליגע נקודה, פונקט אזויווי ווען מ'באהעפט מערערע ליכט ווערט עס איין גרויסע, ברענענדיגע פלאם.

קומט אויס אז דורכ'ן 'שבת אחים' פועל'ן מיר א שטערקערע התחברות צו שבת אין זיך! ווען מ'גייט צו צום שבת אחים מיט אזא מחשבה און מטרה, טוט עס אונז אינגאנצן טוישן און ארויפהייבן פון דעם מצב וואו מ'איז געווען בעפאר.

**אברהם יצחק:** געוואלדיג. הייסט אז דער ענין פון זיך צוזאמנעמען איז, אויסצודריקן די פנימיות'דיגע הרגשים וואס מיר האבן אין הארץ, וואס דאס טוט אונז אויך

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

קוועונקלעונישן און ספיקות. קוק עס נישט אן ווי א גשמיות'דיגער פראבלעם, נאר ווי א 'קליפה', וואס די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט עס באשאפן איז, כדי אז דורכדעם זאלן מיר קענען דינען דעם אויבערשטן! ווייל דורכן מכניע זיין די קליפה - ווערט דעם אויבערשטנ'ס כבוד דערהויבן אין אלע וועלטן!".

### הודאי שמו

נאך א נקודה אין די ווערטער פונעם בעל שם טוב הקדוש:

לאמיר אריינטראכטן, אויף וואס דרייען זיך די ספיקות פון א מענטש: וואס דארף 'איך' טון? וואס לוינט זיך 'מיר'? וויאזוי קען 'איך' מצליח זיין? און צומאל דער עיקר: וויאזוי מאך איך זיכער אז 'איך' האב גענומען די בעסטע און קלוגסטע החלטה? און אזוי ווייטער. אבער ווען א מענטש לעבט מיטן אויבערשטן - איז ער נישט פארנומען אזויפיל מיט דעם 'איך' וועלכער טוט און מאכט. ווייל ער גלייבט, אז ער דארף טון בלויז דעם מינימום השתדלות, ער דארף אריינטראכטן מיט א נארמאלע 'ישוב הדעת' און שוקל זיין וואס ער האט צו טון, און פארטיג. פון דא און ווייטער זאל דער אויבערשטער טון וואס ער וויל! איך פיר נישט די וועלט, דער אויבערשטער פירט עס, און איך בין זיכער אז ער פירט עס גוט! איך האב נישט אויף וואס צו זיין צורודערט צי 'איך' האב געמאכט די גוטע החלטה, ווייל עס איז כמעט נישט תלוי אין 'מיר'.

אודאי, אויב האט ער א ספק וואס ער דארף טון - זוכט ער טאקע דעם רצון ה', און ער פרעגט פון זיך זעלבסט: וואס וויל דער אויבערשטער פון מיר. און אויב דער אויבערשטער ברענגט אים צו סיי וועלכע באשלוס, אז אט אזוי איז דער רצון ה' - דארף מען דאס טון! ער גייט מיט דער החלטה ביזן סוף! און ער איז רואיג און זיכער מיט זיין החלטה! ער ווערט נישט דערשראקן פון קיין ספיקות, און ער ווערט נישט פארלוירן אויב עפעס גייט נישט זיין וועג, ווייל ער ווייסט וואס ער וויל! ער ווייסט וואס ער האט צו טון! ער פארשטייט אז אלעס איז מיט א השגחה פרטית, און דער אויבערשטער האט אים געברענגט צו אט דער מסקנה, און דעריבער דארף ער זיך פירן לויט דעם. ער לעבט נישט קיין אפגעריסענעם לעבן, נאר ער לעבט מיט א דביקות אינעם 'הודאי שמו'.

און אויב - מיט דעם אלעם - קומען ווידעראמאל ארויף די ספיקות, איז טאקע די עצה ווי פריער דערמאנט: זיי ארויסצוטרייבן פון קאפ - פונקט ווי שלעכטע מחשבות - וואוסנדיג אז דאס זענען קליפות! וואוסנדיג אז דאס זענען געווארן געשיקט פון אויבן צו מאכן א נסיון פון פארדרייען א קאפ, כדי מיר זאלן זיי פארשיקן און דורכדעם מגלה זיין דעם אויבערשטנ'ס ליכטיגקייט פון צווישן די טונקלקייט און קליפות. וכל הרשעה בעשן תכלה.

נעטער ברענגען צום שבת. אבער עס מוז דווקא זיין שבת ביינאכט?

**משפיע:** יא. אויב צדיקים האבן עס איינגעפירט אויף שבת ביינאכט, האט עס זיכער א שייכות דערצו. די פנימיות'דיגע הסבר דערצו לכאורה איז: דער נפש האט א שטערקערע 'השראה' און ס'איז דא א ספעציעלע קדושה - דווקא ליל שבת. דער סדר במשך'ן שבת איז, אז די קדושה טוט זיך כסדר פארמערן אין א בחינה פון 'מוסיף והולך'. דעם שבת הייבט זיך אן מיט קדושת ליל שבת, דערנאך ווערט צוגעלייגט די קדושה פון שבת צופרי, און דערנאך ווערט ניתוסף די נאך גרעסערע קדושה פון 'רעוא דרעוין'.

אזוי ארום קומט אויס, אז דווקא די קדושה פון שבת ביינאכט איז 'שוה לכל נפש', ווייל ס'איז די ערשטע דרגה פון קדושה וואס איז די נענסטע צום מצב וואו מיר האבן זיך געפינען אין די ימי החול, און דעריבער איז עס בכח אונז צו דערהייבן העכער פונעם מצב פון ימי החול אריין אין קדושת השבת. דאס איז די סיבה פארוואס יעדער שפירט בחוש די קדושה פון שבת ביינאכט, און דערפאר איז דעמאלטס די פאסיגע צייט זיך צוזאמצונעמען און זינגען פארן אויבערשטן, און מער אויפפלאמען די קדושה וואס שיינט דאן אין יעדן'ס הארץ.

**אברהם יצחק:** אפשר ערקלערט דאס פארוואס דער רבי שליט"א חזר'ט כסדר אז די טיש פון פרייטאג צונאכטס איז א 'הכנה' אויף די עבודה פון שבת צופרי. ווייל ס'ברענגט אונז צו די העכערע דרגה פון 'יום השבת'.

**משפיע:** פונקט אזוי. לאמיר עס נאר זאגן קלארער. שבת האט אסאך חלקים אין זיך: ס'איז דא דער חלק פון **ליל שבת**, וואס איז בעיקר דער כח אויפצוהייבן דעם מענטש פון די ימות החול אין אריינברענגען אין קדושת השבת. דערנאך איז דא דער חלק פון **שבת צופרי**, וואס איז א 'תוספת קדושה' נאכדעם וואס **מ'געפינט זיך שוין** אין קדושת השבת. דעריבער פארשטייט מען אליינס, אז מ'קען נישט אנקומען צו די קדושה פון 'יום השבת' אן צוערשט דורכגיין דעם חלק פון 'ליל שבת', ווייל דער ערשטער חלק פירט אונז אריין אין די גרעסערע קדושה וואס ווערט נשפע אום 'יום השבת'. דערפאר דארף מען לאזן די קדושה פון ליל שבת אינגאנצן איבערצונעמען אונזער גאנצע מציאות, און זיך אזוי מכין זיין צו די קדושה פון שבת צופרי.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי דארף מען צוגיין צום זיץ פון ליל שבת, מיט א כוונה אויסצודריקן די אינערליכע געפילן צו אונזער טאטן אין הימל און צו קדושת השבת.

**משפיע:** פונקט אזוי. אייגנטליך איז עס די נאטורליכע רצון פונעם נפש זיך אזוי אויסצודריקן. פונקט ווי מיר זעען אז ווען איינער איז מורא'דיג איבערגענומען פון א חתונה צי וואס, קען ער קוים ווארטן פאר די מנגנים אנצוהייבן די מוזיק כדי ער זאל האבן מיט וועמען צו טאנצן... פארוואס ווארט ער אזוי שטארק דערויף? ווייל די נפש האט א נאטור, אז ווען זי האט א שטארקע אינערליכע געפיל וויל זי עס ארויסגעבן און עס לאזן צושפרייטן אין דעם מענטשנ'ס גאנצער וועזן.

# זינגען צינדט אן די געפילן

**אברהם יצחק:** פיין, אבער דאס איז ביי א מצב ווען די געפילן ארבעטן ווי ס'דארף צו זיין, אזוי אז זיי ווילן זיך נאר ארויסגעבן און זיך אויסברייטערן. אבער וואס טוט מען ווען מ'טרעפט זיך שבת ביינאכט און די געפילן ארבעטן נישט? ס'געשעט גאנץ אפט...

**משפיע:** דערמאנסט מיר א שטיקל 'מסילת ישרים' וואס איז נוגע דיין שאלה. ענדע פרק ז' איז דא א שטיקל וואס חסיד'ישע אידן פלעגן כסדר איבער'חזר'ן, ער זאגט אזוי: "**וְאָמְנָם כְּבָר יָדַעְתָּ שֶׁהַנִּרְצֶה יוֹתֵר בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, הוּא חֵפֶץ הַלֵּב וּתְשׁוּקַת הַנְּשָׁמָה...**" און דערנאך באריירט ער דיין פראגע, ער זאגט: "**וְאוּלָם הָאָדָם אֲשֶׁר אֵין הַחֶמְדָּה הַזֹּאת לוֹהֶטֶת בּוֹ כָּרָאוּי**"? אזויווי דו פרעגסט: וואס טוט מען ווען די געפילן ארבעטן נישט? אויף דעם זאגט ער: "**עֵצָה טוֹבָה הִיא לוֹ, שֶׁיִּזְדָּרֵז בִּרְצוֹנוֹ כְּדֵי שֶׁיִּמָּשֵׁךְ מִזֶּה שֶׁתִּוָּלֵד בּוֹ הַחֶמְדָּה בְּטֶבַע, כִּי הַתְּנוּעָה הַחִיצוֹנָה מְעוֹרֶרֶת הַפְּנִימִית... כִּי תִּוָּלֵד בּוֹ הַשִּׂמְחָה הַפְּנִימִית וְהַחֵפֶץ וְהַחֶמְדָּה מִכֹּחַ מַה שֶּׁהוּא מִתְלַהֵט בִּתְנוּעָתוֹ בְּרָצוֹן**".

ס'איז בעסער אויב קוקסטו אליינס אריין דארט, וועסט זען ווי ער איז שיין מסביר, אז געוויס איז די חלק פון 'הרגשים' נישט אלעמאל אין דעם מענטשנ'ס הענט, און מען קען זיך צומאל טרעפן אין א מצב ווען די געפילן ארבעטן נישט ווי ס'דארף; אבער 'זריזות' קען מען אלעמאל! דאס מיינט, דער מענטש קען באשליסן צו טון חיצוניות'דיגע פעולות פון התלהבות! למשל, זינגען אויפן קול, מיט א קאך און געשמאק, און אפילו ער טוט עס נישט מיט אן אינערליכע געפיל נאר באופן חיצוני, טוט דאס אליינס ווירקן און ערוועקן די אינערליכע געפילן! אזויווי ער זאגט דארט: "**שֶׁכְּמוֹ שֶׁהַזְּרִיזוּת הוּא תּוֹלֶדֶת הַהִתְלַהֲטוּת הַפְּנִימִית, כֵּן מִן הַזְּרִיזוּת יִוָּלֵד הַהִתְלַהֲטוּת... וְזֶה דָּבָר שֶׁהַנִּסָּיוֹן יְעִידֵהוּ**". ער זאגט עס קלאר! ס'איז בדוק ומנוסה! פרוביר עס און דו וועסט זען אז ס'ארבעט.

**אברהם יצחק:** אבער כ'שטעל זיך פאר אז נישט יעדער וואס זינגט און מאכט חיצוניות'דיגע פעולות איז מעורר זיינע פנימיות'דיגע הרגשים... ס'איז נאר ווען מ'וויל מעורר זיין די הרגשים, דעמאלטס ווירקט די חיצוניות אויף די פנימיות.

**משפיע:** זיכער אזוי. אזויווי מיר האבן פריער גערעדט, ס'מוז נישט זיין אז יעדער וואס קומט צום באטע גייט אוועק אויף א דערהויבענערע מצב ווי ער איז געקומען, ווייל ס'ווענדט זיך אין די קאפ, אין די רצון און מטרה. נאר ווען די מטרה און מחשבה איז צו דערהייבן די נפש און זיך מדבק זיין אין קדושת השבת, מ'וויל ארויסברענגען די הרגשים פון נפש - טוט דאס זיצן און זינגען מיט נאך אידן ווירקן. ווען די מטרה איז אויפצופלאמען די רגשי הנפש, טוען די אלע פעולות ווירקן צו דערהייבן די נפש און ערוועקן געפילן וואס זענען פריער געווען פארשלאפן.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג. די וואך גייט די 'שבת אחים' זיין גאר עפעס אנדערש...

**משפיע:** מיטן אויבערשטנ'ס הילף.

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'יחיל ה'' דער אויבערשטער ווארט אויס יארן לאנג, 'מדבר קדש' אויפן איד אז ער זאל ארויסזאגן איין דיבור פון קדושה.**

הרה"ק ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע (תורת המגיד מזלאטשוב, מחשבה דיבור ז')



# געפּועל'ט בטחון

די וועג קיין קאלבסאוו געדויערט סיוּוי נישט קיין סאך צייט. חייקל וואוינט דאך אויפן גאס וואס פארבינדט קאלבסאוו מיט ריישא. נו, וואס קען ער דערלייגן פון מאכן די קורצע נסיעה צום הייליגן 'אוהב ישראל' זי"ע, שפעטער באקאנט אלס דער הייליגער אפטער רב, און אים בעטן א ישועה.

חייקל פאקט צוזאם זיין וואנדער-שטעקן און זעקל, רוקט אריין דריי רובל אין זיין פויערישע הויזן אלס א פדיון, און לאזט זיך ארויס אויפן וועג קיין קאלבסאוו.

אויך ווען חייקל איז אריין אל הקודש פנימה, האט זיין מגושמ'דיגע קאפ נישט געקענט דערהייבן די געהויבנקייט פון דעם מעמד. ער שטרעקט אויס דעם קוויטל פארן רבי'ן, פונקט ווי דער גבאי האט אים פריער אנגעוויזן.

"רבי, העלף מיר", ווענדט ער זיך צום צדיק, "כ'בין א גרויסער ארעמאן, כ'האלט שוין נישט אויס די עניות".

דער צדיק הערט זיין געשריי און קערט זיך צו אים מיט א פארוואונדערטע שטימע: "'התחת אלקים אנכי'?! מיינסטו אז איך האב עפעס ספעציעלע כוחות אויסצו'פועל'ן א ישועה פאר דיר?

אינגאנצן נישט! די איינציגסטע כח וואס איך האב איז מידת הבטחון, גארנישט מער".

דער צדיק ווענדט זיך צו חייקל: "פאר אהיים, שטארק זיך אין מידת הבטחון און דו וועסט זען גרויסע ישועות!". און ער געזעגנט אים.

חייקל שטייט אויפן טעראסע פון זיין פאלאץ, און באטראכט די הינקעדיגע וועגעלע וואס דערנענטערט זיך אויפן זייט פון גאס. חייקל לייגט זיין האנט ביים אויג, פרובירנדיג צו אויסקלארן זיין בליק און אויפכאפן ווער זענען די רייזנדע אויפן וואגן.

געלויבט השי"ת, זייט ווען ער האט אויסגעפאלגט דעם רב'ס עצה און אנגעהויבן זיך צו אינגאנצן פארלאזן אויפן אויבערשטן, האט אים זיין מזל אנגעהויבן שיינען פון אלע זייטן. אצינד, אויפן פלאץ פון זיין אמאליגע קליינע כאטקעלע, האט האט געלאזט בויען א פרעכטיגע געביידע פון דריי שטאק, וועמענ'ס אונטערשטע שטאק דינט אלס א 'הכנסת אורחים' 'שטוב' אונטערן אויפזיכט פונעם 'חשוב'ן נדבן הרבני הנגיד מוה"ר חייקל שליט"א'.

יעצט זיצט חייקל דער נגיד אין זיין פאלאץ, און וואונדערט זיך אויף די רייזנדע אויפן וואגן וואס פארט אים אנטקעגן.

ער שטייגט שנעל אראפ די טרעפ, לויפט צו צום געסל און שטעלט אפ דעם וואגן. פינף חסידים זיצן אויפן וועגעלע, זייערע קליידער פארשטויבט פון די לאנגע רייזע, זייער שטערנס פארקנייטשט פון זארג.

"מיינע טייערע ברידער, וואו אהין פארט איר", אינטערעסירט זיך חייקל.

"מיר פארן צום הייליגן רבי'ן וואס וואוינט אין קאלבסאוו", ענטפערט דער עלטסטער פון די פינף.

"און וואס זוכט איר דארט?" פרעגט חייקל ווייטער.

"מיר ווילן זיך מזכיר זין פארן רבי'ן, אז ער זאל בעטן ביים אויבערשטן און אונז פועל'ן א ישועה". לאזט דער חסיד ארויס א טיפע קרעכץ.

חייקל באטראכט זיי מיט א מאדנע בליק: "פארוואס דארפט איר פארן צו אים? שטארקט זיך אין מידת הבטחון, און איר וועט גלייך געהאלפן ווערן! איר דארפט זיך בלויז שטארקן אין פשוט'ע בטחון אינעם אויבערשטן, וויבאלד נאר ער ווייסט וואס איז גוט פאר אייך און ער טוט בלויז גוטס, און דאן וועט איר זען די גוטס מיט אייערע אייגענע אויגן".

"אין אמת'ן אריין זענען ביידע גערעכט. סיי דער דארפסמאן און אויך די חסידים וואס פארן צום צדיק", פלעגט דער הייליגער שינאוואר רב זי"ע אויספירן ביים דערציילן די סיפור.

"דער דארפסמאן איז גערעכט, וויבאלד צדיקים קענען אויס'פועל'ן נאר מיטן כח פון בטחון! אבער דער דארפסמאן איז א נאַר, ווייל זייט ווען פארשטייט ער וואס 'בטחון' באדייט? דאס קומט נאר פון די כח פונעם צדיק, וועמענ'ס דיבורים האבן אריינגעבלאזן די מידה פון בטחון אין אים. דערפאר זענען אויך די חסידים גערעכט ווען זיי פארן צום רבי'ן כדי ער זאל משפיע זיין פאר זיי דורך מידת הבטחון".

מקור: י"ג אורות

# נייגעריגקייט (א)

## פון וואו נעמט זיך די נייגעריגקייט? וויאזוי רופן עס חז"ל אן? איז עס גוט אדער שלעכט, און וויאזוי ארבעט מען דערויף?

## שאלה:

איך בין פון נאטור זייער א נייגעריגער מענטש, און כ'האב געהערט אז דער רבי זי"ע שרייבט אין זיינע בריוון און רעדט אין זיינע שמועסן, אז מ'דארף אסאך ארבעטן דערויף. מיין פראגע איז, מיט וואס און וויאזוי פארמעסט מען זיך און מען פאררעכט די מידה?

## תשובה:

כדי צו ארבעטן אויף סיי וועלכע מידה, דארף מען ארויסהאבן דריי זאכן: **א.** וואס איז די מידה? וואס איז איר הגדרה? **ב.** וואס זענען אירע תוצאות. דאס מיינט, וואס זענען אירע מעלות און וואס זענען אירע חסרונות? **ג.** וויאזוי פארמעסט מען זיך דערמיט? וואספארא דרכי התמודדות שטייט אין די תורה און דברי חז"ל איבער דער מידה? (אויף דעם געשטעל בויעט זיך דער ספר 'מסילת ישרים'). **אלזא,** ווען מ'וויל זיך מתבונן זיין איבער די מידה אין די תורה הק', וועט מען זיין איבערראשט צו זען אז מידת ה'סקרנות' ווערט נישט געברענגט אין **ערגעץ.** ס'איז נישטא קיין שום התייחסות צו נייגער אדער ענליכע ביישפילן נישט אין תורה שבכתב, נישט אין תורה שבעל פה, נישט אין די ראשונים און נישט אין אחרונים! **שטעלט זיך א קשיא:** פון וואו דארפן מיר וויסן וויאזוי זיך צו מתמודד זיין מיט דער מידה?

## סקרנות – נאטורליכע פריקת עול

דער וואונדערליכער פאקט, ווי אויך התבוננות אין די מידה, ברענגט אונז צו א מסקנא אז מידת הסקרנות **איז נישט קיין פרטית'דיגע מידה, נאר א כללית'דיגע מידה דורך וואס די נפש אליינס דריקט זיך אויס.** די הגדרה פון מידת הסקרנות איז: דער רצון הנפש זיך אויסצושפרייטן אן קיין גרעניצן. זי דערטראגט נישט ווען מ'צוקוועטשט איר און מ'שטעלט איר הגבלות, און דערפאר וויל זי איינגעמען די וועלט. דער צוזאמקלויבן אינפארמאציע אויף וואס ס'לאזט זיך איז נישט צוליב עפעס א מידה פרטית, נאר דער עצם רצון הנפש זיך צו וואס מער פארשפרייטן.

נייגער געהערט צו די כוחות פון 'רצון' און 'תענוג', וואס ווי מבואר אין ספרים הק', זענען זיי נישט קיין מידות פרטיות. א מענטש וויל טויזנט זאכן און איז זיך מתענג פון טויזנט זאכן. דאס זאגט אונז אז 'רצון' איז דער מענטש'ס עקזיסטענץ און 'תענוג' קומט פון זיין עצם עקזיסטענץ. ס'טוט זיך בלויז אויסדריקן אין פארשידענע זאכן וואס טוען ווי גלייך פארשטארקן און האלטן איר עקזיסטענץ. נייגעריגקייט איז די זעלבע זאך, ס'איז אן אויסדרוק פון די נפש וואס וויל זיך מתפשט זיין, ארויסגיין פון אירע גבולות, זיך באפרייען פון איר איינגעצוימטע פלאץ און איבערנעמען די גאנצע מציאות העולם. א נייגעריגער מענטש שפירט אז ער האט א נגיעה אין יעדע זאך, און ער האט א שטיקל 'שליטה' אויף יעדע זאך. ס'קוקט אויס אז מיר טוען בלויז זאמלען אביסל אינפארמאציע, אבער דער אמת איז אז מיר פרובירן זיך אלץ מער אויסצובררייטערן.

אין אנדערע ווערטער, סקרנות מיינט **פריקת עול.** אזוי ווערט עס אנגערופן אין ספרים הק'. מ'מיינט דא לאו דווקא די 'שלעכטע' פריקת עול, נאר דער עצם באגריף (ווי באקאנט, אויך 'שמחה' איז א תנועה פון פריקת עול און ווילן דורכצוברעכן גבולות, אזוויי ס'שטייט אין ספרים הק' אז דעריבער איז מסוכן צו האבן שמחה אן קיין באגלייטע ביטול און קבלת עול). למעשה, סקרנות איז א וועג וויאזוי די נפש דריקט אויס איר ווילן, צו לעבן פאר זיך אן קיין שום הגבלות. פארשטייט זיך אז ווילאנג די מידה דינט די אייגענע ישות וואס וויל לעבן פאר זיך ח"ו און נישט זיין איבערגעגעבן פאר רצון ה' - איז נישטא קיין ערגערע מידה פון דעם אין די וועלט!

אבער מ'דארף דא צולייגן: געוויס מיר האבן טאקע מגדיר געווען מידת הסקרנות אלס א **מידה כללית,** אבער פונדעסטוועגן פארמאגט די מידה אויך געוויסע **פרטית'דיגע אויסדריקן.** פונקט ווי 'רצון', וואס איז א מידה כללית, אבער דריקט זיך אויס אין אלע מיני פרטית'דיגע רצונות, אזוי אויך נייגער, צומאל דריקט זיך עס אויס אין א נייגער צו תורה, אדער אין דברים אסורים ח"ו, אדער דברים של היתר (שפעטער וועלן מיר זען בעז"ה, וויאזוי מ'דארף ארבעטן אויף די 'ביטויים פרטיים').

## אן נייגער קען מען נישט מאכן קיין פארשריט אין לעבן

אצינד קענען מיר זיך רוקן צום קומענדיגן חלק: **וואספארא מעלות און חסרונות האט די מידה?**

ווען מ'רעדט בנוגע די **מעלה** פון דעם מידה, דארף מען נישט קיין לענגערע הסברים. מיר זעען בחוש אז ווען א מענטש האט נישט קיין נייגער, קען ער זיך קיינמאל נישט פאראויס רוקן און מאכן מהפיכות אין לעבן. א מענטש וואס לערנט חומש און איז נישט נייגעריג צו וויסן וואס ס'שטייט אין משניות, אדער ער לערנט 'אורח חיים' און אינטערעסירט נישט צו וויסן וואס ס'שטייט אין 'חושן משפט', אדער ס'ציעט אים נישט רבי חיים בריסקער און דעם חזון איש'ס חידושים - וועט קיינמאל נישט אויסוואקסן קיין תלמיד חכם. אויך איינער וואס לערנט 'נגלה' אבער ס'גלוסט אים נישט צו קענען 'נסתר', וועט קיינמאל נישט אנקומען צו פנימיות. און אזוי ווייטער.

**קומט אויס אזוי:** דווקא סקרנות, וואס וויל ארויסגיין פון אירע גבולות און איינגעמען פרישע תחומים - איז דער וועג זיך צו פאראויס רוקן אין עבודת ה'. דו ווילסט זיך נישט באגנוגנען מיט דיין אייגענע מצומצם'דיגע פלאץ, דו ווילסט אנקומען צו מער א פנימיות'דיגע דביקות. דו ווילסט איבערגעבן דעם אור פאר אנדערע אידן. אויך אין עניני עולם הזה, למשל אין ביזנעס אדער סיי וועלכע וועלטליכע געברויך מיט וואס מיר דארפן זיך אפגעבן, אן קיין נייגונג דורכצוברעכן גבולות און איינגעמען נייע מצבים - איז אוממעגליך צו מאכן פארשריט. דער כלל איז ווי פאלגנד: אלע מענטשן וואס האבן געמאכט א פאזיטיווע מהפיכה אין זייער לעבן, איז עס געקומען פון א סקרנות וואס האט אנטוויקלט א רצון אין זיי זיך צו מתקדם זיין און ארויסגיין פון זייערע גבולות.

## נייגער אין דעם נישט-ריכטיגן פלאץ

ווען מיר רעדן פון די חסרונות פון די מידה, האבן מיר די **יסודות'דיגע נזק** וואס מיר האבן פריער דערמאנט, דער עצם **התפשטות פון ישות און פריקת עול,** און דערצו נאך **דריי שאדנס:**

**א. פיזור הנפש.** דער נייגער פארשלעפט דיר צו אלע מיני תחומים, און ס'נעמט צו דיין אויסשליסליכע קאנצענטראציע צום אויבערשטן. דו ביסט נישט אינגאנצן ביי אים. **ב. סקרנות איז אויפן חשבון פון עבודת ה'.** מעגליך שפירסטו נישט וויפיל צייט און כח דו געבסט אוועק פאר אלע מיני וועלטליכע ענינים אויפן חשבון פון לימוד התורה, עבודת התפילה, התבוננות אין גדלות ה' און אנדערע מצוות. **ג. נייגער ברענגט אריין און ערוועקט חמדות עולם הזה ביי דיר.** בכוונה אדער שלא בכוונה, דאס זיך אינטערעסירן אין אלע מיני עניני עולם הזה, טוט ביי דיר אויטאמאטיש פאראורזאכן פארשידענע תשוקות צו פארשידענע זאכן - היתר אדער איסור רח"ל.

**אין אונזער פינסטערע דור דארף מען דא צולייגן א וויכטיגע הערה:** מיר לעבן אין א 'טעכנאלאגישע וועלט', און דערפאר דארפן מיר וויסן אז די סכנה פון נייגער האט זיך דראסטיש פארגרעסערט. ווייל די גאנצע טעכנאלאגיע איז געריכטעט אנצורייצן דיין סקרנות, זיי טוען אלץ מער אינוועסטירן דיר צו מאכן וואס מער נייגעריג כדי דו זאלסט זיך וואס מער אינטערעסירן דערין. ס'זענען היינט פארהאן אזעלכע זאכן וואס קענען נעמען דיין נייגער און עס אויסברייטערן ביזן דיר אינגאנצן צעגרונד לייגן. אויב אנטוויקלסטו דיין נייגער אין דעם נישט-ריכטיגן פלאץ און אן קיין מטרה - ביסטו אין געפאר.

## איך געהער צום אויבערשטן, כ'בין נישט קיין אייגענע מציאות

**און דא קומען מיר אן צו די דרכי עבודה אויף די מידה:**

ווי געזאגט, דער עצם נייגונג פון די נפש ארויסצוגיין פון אירע גבולות האט אסאך מעלות אין זיך, אבער די שאלה איז אויב 'ארויסגיין פון גבולות' טוט אויסברייטערן דיין ישות, אדער טוט עס דיר דווקא נאך מער דערנענטערן צום אויבערשטן. די לעזונג איז: **קבלת עול,** וואס באדייט: איך געהער צום אויבערשטן, כ'בין נישט אין מיין אייגענע רשות. מיין גאנצע נפש און אירע כוחות זענען בכלל נישט מיינס. השי"ת האט מיר באשאפן און איז מיר מחיה, כ'בין א חלק אלוק ממעל, חיות ה' און כ'בין נאר מגלה כבודו ית'. איך האב נישט קיין שום אייגענע מציאות. כ'בין נאר גילוי אלקי.

אין אזא פאל, קען דאס נייגער בלויז צוברענגען **גילוי כבודו יתברך.** אז מיין נפש האלקית זאל ארויסגיין פון אירע גבולות איינצונעמען נאך חלקי הלכה אדער לומדות, און נאך אן עומק אין עבודת ה'. אויך אין ענייני עולם הזה, האט נייגער א מקום ווילאנג ס'איז אין די ראמען אין וואס די נפש דארף עוסק זיין לויטן רצון ה' (און לגבי ענייני עולם הזה דארף עס געטון ווערן אויף א חיצוניות'דיגע אופן און נישט מיט קיין אינערליכע חיבור). אבער אויב מיין נייגער איז אבי אויסצושפרייטן מיין ישות - איז דאס פריקת עול. און ס'איז נישט נאר פריקת עול, נאר **ס'איז א פולשטענדיגע סתירה צו מיר אליינס.** ס'איז אן אומגליק פאר מיר, ווייל איך אליינס בין בלויז חיות ה'.

די גמרא דערציילט איבער א 'נזיר פון דרום', וואס האט געהאט א שיין געשטאלט, און האט נודר געווען נזירות אויף זיך נאכדעם וואס דער יצר הרע האט זיך גענומען איבער אים, און די אויסדרוק וואס ער האט אנגערופן צו זיך איז געווען: "רשע, למה אתה מתגאה בעולם שאינו שלך" (נדרים ט:). די זעלבע איז לגבי נייגער, ווילאנג ס'איז נאטורליך און אן קיין מטרה, איז עס פשוט "מתגאה בעולם שאינו שלך". דעריבער דארף מען זיך מתבונן זיין און פארשטיין אז 'איך בין נישט מיינס', און דאן דורכברעכן גבולות און פארשפרייטן אורו ית' אן קיין גבול. נייע לימודים, נייע עבודות, נייע מדריגות. ווען דאן ווערן די עבודות גוט איינגעקריצט אין אונז, ווייל דער כלל איז אז זאכן וואס ווערן געטריבן פון נייגער ווערן טיפער איינגעקריצט אין זיך.

דעם ענין רופט דער הייליגער רש"ב פון ליובאוויטש זי"ע (קונטרס העבודה פ"ב) אלס 'הגדרת החושים'. ער איז דארט מבאר אז ווען א מענטש גייט אין גאס און קוקט ארום, אפילו נישט אויף דברים אסורים - הייסט עס פריקת עול. און ווי געזאגט, דאס איז דער ענין פון סקרנות. ס'קומט פון א פלאץ וואו דער מענטש באטראכט זיך אלס אן אפגעזונדערטע מציאות און געבט זיך נישט איבער פארן אויבערשטן. און אויף דעם דארף מען ארבעטן, פארשטיין אז איך בין א גילוי אלקי און איבערגעגעבן פארן אויבערשטן.

און דעריבער, אויך די **פרטית'דיגע עבודות** אין דעם ענין פון סקרנות דארפן קומען פון א **כללית'דיגע עבודה.** דאס הייסט, אויך ווען איינער ארבעט אויף נייגער אין גאס כדי נישט צו נכשל ווערן מיט שמירת עיניים, אדער אויף נייגער צו נייעס וואס ברענגט צו ביטול תורה, דארף ער איינקריצן ביי זיך אז ס'טאר נישט זיין קיין סקרנות פאר זיך, נאר ס'דארף וואס מער אויסדריקן דעם נפש אלקית, דורכברעכן גבולות וואס נעמען איר ארום. אבער נישט אויסברייטערן דיין עצמיות.

**מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!**

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין בארא פארק: **347.520.8743**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**